ב"ה, יום ה', פ' ויאמינו בה' ובמשה עבדו, י"א שבט, התשי"א,

טייערע עלטערין ברידער און שוועסטער, איך האב געוואוסט אז איהר וועט חרטה האבין פאר'ן ניט קומען אפ'ן יא"צ. דער רבי שליט"א האט נעבטען געזאגט חסידות, אפ'ן "באתי לגני אחותי כלה" עס איז געווען א שיחה פאר'ן מאמר און נאך דעם. דער מאמר האט ער אנגיפאנגען "דער רבי שרייבט אין זיין מאמר ליום ההסתלקות" דאס האט ער געזאגט אין א געוויינליכען טאהן. מיט א מאהל "באתי לגני אחותי כלה" מיט א ניגון המאמר, און האט געזאגט אפ דעם חסידות.

ער האט אפגעזאגט דעם מאמר עטליכע שורות און האט געזאגט וואס דער אלטער רבי זאגט אפ דעם, וואס דער מיטעלע רבי איז מוסיף, וואס דער צ"צ איז מוסיף, וואס אדמו"ר מהר"ש איז מוסיף, וואס אדמו"ר הרש"ב איז מוסיף און וואס דער רבי איז מוסיף דא אין מאמר. (מיט דעם - עיקר שכינה בתחתונים היתה) דער עולם איז נשתומם גיווארען.

פון גרויס שטופעניש האבין עטליכע געחאלישט, אבער עס האט זיך ווייטער געהערט דעם קול פון רבי'ן זאגינדיק דעם מאמר וואס דאס האט גיגעבען כח צו שטיין אפ די פיס.

אין מיטין מאמר האט ער געמאכט צוויי הפסקות און ער האט געהיסין זינגען דעם "בינוני" און האט געזאגט אז דער רבי האט מחבב געווען דעם ניגון, נאך דעם האט מין געזונגען דעם רבי נ"ע ניגון. (איך געדענק ניט צי מ'האט געזונגען א ניגון פון אדמו"ר מהר"ש) אין דער צווייטער הפסקה האט מען געזינגען דעם ימין ה' רוממה פון צ"צ, און א ניגון פון מיטעלער רבי'ן, (דער אלטער רבינ'ס ניגון האט מען געזונגען צווישען די צוויי רייד'ס נאכ'ן מאמר.) ---

דער מאמר אין אנפאנג איז געווען שווער – ער האט אפגעטייטשט דאס וואס דער רבי שרייבט בחצי עיגול (וכל השביעין חביבין) אז מיר געפינען זיך איצטער אין דעם דור השביעי וואס דער מעלה פון שביעי איז אז ער איז שביעי לראשון.

אין יעדער טייל פון מאמר האט ער אויסגערעבענט אלע רביים. און אין מיטין פון דריטין טייל האט ער דערצייט (אלץ מיטין ניגון המאמר) א מעשה פון אלטען רבי'ן, מיטעלע רבי וכו', און האט בסדר דערמאנט אז מיר געפינען זיך אין דור השביעי.

דער מאמר וועט איר שוין זעהן, מסתמא וועט דאס באלד ארויסגיין געדרוקט. פאר א גרויסע טייל פון עולם איז דאס געווען דעם ערשטען מאהל וואס מ'האט געהרט א רבי זאגין חסידות, איז ממילא דער התעוררות אין וואס מ'האט געשטאנען, אובארשרייבלאך.

הערשעל[1] און משה[2] זיינען געווען שיע'[3] האט ניט געקענט קומען. איך וויל אייך שרייבין וועגען איינע פון דאנען וואס איז אריינגענומען גיווארען אין ארמיי. זיין נאמען איז "Harry Greenbaum" ער איז א יונגע באכער, א בעל תשובה וואס פלעגט דא אריינקומען. אפשר ווייסט איר אפי' ווער דאס איז. אפ'ן פנים וועט איר איהם דערקענען מסתמא.

פאראן גייען איז ער אריין צום רבי'ן און ער האט איהם מיט געגעבין א מטבע, האלטען מיט זיך און האט עם געזאגט ער זאל דארטען גארניט עסען, ד.ה. זאכען וואס האבין א חשש פון טריפות.

ער געפינט זיך איצטער אין Camp Devens. ער האט געשריבין איינער פון זיינע חברים דא אין ישיבה, אז ער לעבט אפ-לופט ד.ה.

[1] הרב הערשעל שוסטערמאן
[2] הרב משה יצחק העבט
[3] הרב יהושע נחום (שיע') גודמן

ער האט ניט וואס צו עסען, זיין אדרעס האט ער ניט געשריבין. ער האט אונזער אדרעס, טאמער וועט ער אמאל קומען זאלט איהר איהם מקרב זיין. אפשר איז מעגליך איהר זאלט אים עפעס שיקין אדער ברייגגען, איך וויס ניט ווי לאנג ער וועט דארטען בלייבען.

עס איז נאך פראנען וואס צו שרייבין נאר איך וויל אוועקשיקען דעם בריף עס זאל אנקומען פאר שבת.

נעבטען, פארשטייט זיך, האט מען געפארען אפ'ן אהל און עס שוין אסאך אופגעבויט.

אפשר וועל איך "נעקסטען" וואך שרייבין נאך א בריף

איהר זאלט אויבעט שרייבין, זייט געזונט, לאסט הערען גוטע בשורות.

לאלתר לתשובה ולגאולה

יהודא

נאכען מאמר האט ער געזאגט "הערט זיך איין אידין, לייגט זיך ניט קיין פייגלאך אין בוסם, מסתמא וועט זיך יעדער אוועקגיין צו זיין רוהיגין לעבען איש תחת גפנו ואיש תחת תאינתו א פרייער מענש און בפרט אז עס האנדלט זיך וועגען א איידעם פון רבי'ן, אז הערט זיך איין אידין לייגט זיך ניט קיין פייגלאך אין בוסם, דעם רבינ'ס שליחות וואס ער האט ארופגעלייגט אפ יעדער'ן איז נאך בתקפו, און קומען צו פארברייננג, זאגען לחיים, מיט דעם קען מען ניט יוצא זיין דאס וואס עס דארף זיין עבודה מצד עצמו, וואס מ'דארף מברר זיין דעם אייגענעם נה"ב"

עס איז געוועו א גאנצער רייד אזוי וואס האט געברענט ווי פייער